בס"ד

שבת ראש חודש

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'
בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

## תזריע מצורע
## א' אייר תשפ"ו


די צייטן לויט אופק ירושלים

**זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש**

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 6:34 |
| מוצש"ק | 7:48 |
| ר"ת | 8:27 |

**סוף זמן קריאת שמע ותפילה**

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:35 | סוז"ת א' | 9:56 |
| סוזק"ש ב' | 9:20 | סוז"ת ב' | 10:26 |

די צייטן לויט די זומער זייגער


גליון מס': קפ"ב
שנה ד'


## טיב הפרשה

# וראה הכהן את הנגע

## דער תיקון פון א נגע - ביטול פאר ערליכע אידן

אין די פרשה פון תזריע און מצורע לערנט מען איבער די הֲלָכוֹת פון נְגָעִים. מיר לערנען ווי אזוי א איד ווערט טמא פון א נגע און וואס מ'דארף טון אין אזא פאל, און ווי אזוי דער כהן איז מטהר דעם איד דורכ'ן קוקן אויף זיין נגע און שפעטער באשטימען אויב עס איז א נגע צי נישט.

די הלכות זענען געווען נוגע בזמן שבית המקדש היה קיים, אבער ווען מ'קוקט אויף זיי מיט א פנימיות'דיגער בליק זעט מען אז עס איז אויך נוגע צו היינטיגע צייטן. אז מ'וועט צונעמען די נושא פון א נגע וועט מען זען אז דער נגע איז אן אויסשלאַג וואס קומט צו דער מענטש, נאך דעם וואס ער האט עובר געווען אויף אן עבירה.

אין יענע יארן, בזמן שבית המקדש היה קיים, איז דער איד געווען אזוי אויסגעלייטערט, אז ווען ער האט עובר געווען אן עבירה איז אויך דער גוף געווארן קראנק און האט ארויסגעגעבן סימנים אין איר.

אויך היינטיגע צייטן, האבן די עבירות א כח, זיי באשאפן פאר'ן מענטש קליפות און זאכן וואס קענען שעדיגן דעם מענטש, און כאטש זיי האבן נישט די כח צו מאכן א טויש אין דער מענטשליכער קערפער, זענען זיי אבער דא.

חז"ל זענען אונז מגלה אז די נגע איז געקומען וועגן רעדן לשון הרע. אז דער מענטש האט גערעדט לשון הרע איז זיין קערפער געווארן געשעדיגט, און עס צו היילן האט מען געדארפט אראפגיין צום שורש, און דער שורש פון לשון הרע איז גסות הרוח, דער מענטש האלט זיך גרעסער פון דעם צווייטן און דאס איז גורם אז דער מענטש זאל זיך דערנידערן אזוי נידעריג און בארעדן אנדערע.

לויט דער חטא איז אויך די תיקון. אזוי ווי דער שורש איז געווען גסות הרוח איז דער תיקון פאר דער חטא 'ביטול', זיך מבטל זיין פאר איינער וואס איז גרעסער פון דיר, און דאס האט מען משיג געווען מיט'ן גיין צום כהן.

א איד וואס האט געהאט א נגע האט געדארפט ברענגען אן עץ ארז, א שטיקל פון דער טענענבוים. רש"י אויפ'ן ארט געבט צו פארשטיין אז דער געדאנק דערונטער פון דער 'עץ ארז' איז מרמז אויף די נקודה. דורך איר איז מען מעורר דעם איד ער זאל וויסן דער שורש פון זיין חטא און זיך מתבונן זיין אין דעם עץ ארז, און דורך איר וועט ער פארשטיין זיין זינד און זיך אראפלאזן צו איר שורש און קענען מבטל זיין דורך איר דעם חטא וואס ער האט געזינדיגט.

אויך היינטיגע צייטן, ווען מיר האבן נישט קיין נגע וואס איז מעורר דעם מענטש, דארף מען מאכן די התבוננות. ווען מ'לערנט די פרשה דארף זיך דער איד מאכן א חשבון הנפש וואו האלט ער אויף די וועלט אין דער הינזיכט פון ענוה, צי איז ער גענוג אויסגעארבעט אין דעם, צי ער איז גענוג שפל ביי זיך און וואו האלט זיין ביטול פאר אנדערע.

דער היינטיגער כהן איז דער תלמיד חכם, דער איד וואס איז דבוק אין מעשי ה', ער דארף גיין צו אים און זיך מבטל זיין פאר אים און דאס וועט אים ברענגען צו טהרה, ער זאל זיך קענען רייניגן פאר הקב"ה.

נאך א בחינה וואס מ'זעט ביי די נגע און מען קען זיך ארויסלערנען פון איר איז די בחינה פון לשון הרע. דער נגע איז געקומען ביי דעם איד ווייל ער האט גערעדט לשון הרע אויף אידן, און די תיקון ביי איר ווערט אז מען רעדט לשון טוב אויף כלל ישראל.

א איד דארף קוקן גוט אויף כלל ישראל. ער דארף רעדן גוטס און זען גוטס ביים כלל ישראל, ווייל כלל ישראל איז גוט און הקב"ה

## טיב המערכת

### וְרֹאשׁוֹ יִהְיֶה פָרוּעַ

לאמיר זיך פאָרשטעלן וויאזוי זעט אויס א מענטש וואס זיין פוס טוט אים וויי און ער פראבירט עס צו באהאלטן. ער פראבירט צו גיין גלייך און נישט הינקען, אבער יעדע טריט קומט אן מיט גאר גרויסע שוועריגקייטן און מיט שטארקע ווייטאגן, און אזוי קומט אויס אז אויסער די ווייטאג וואס ער האט שוין, לייגט ער צו נאכמער ווייטאג דערמיט וואס ער פראבירט באהאלטן דעם ערשטן ווייטאג. אויב וואלט ער אונז געקומען פרעגן אונזער מיינונג, וואלטן מיר אים אוודאי גע'עצה'ט אז ער זאל אביסל נאכלאזן און זיך ערלויבן צו שפירן דעם ווייטאג פונעם פוס, און ער זאל נישט פראבירן זיך צו פירן כאילו עס טוט נישט וויי.

אין פרשת תזריע שטייט אין פסוק 'וְהַצָּרוּעַ אֲשֶׁר בּוֹ הַנֶּגַע, בְּגָדָיו יִהְיוּ פְרֻמִים, וְרֹאשׁוֹ יִהְיֶה פָרוּעַ, וְעַל שָׂפָם יַעְטֶה, וְטָמֵא טָמֵא יִקְרָא', דאס הייסט אז דער אויבערשטער באפעלט דער מצורע אז ער זאל לעבן מיט די מְצִיאוּת און נישט אנטלויפן דערפון, און נישט נאר טוט ער נישט באהאלטן דעם פאקט אז ער איז א מצורע, נאר פארקערט, ער טוט פעולות אז יעדער זאל זען אז ער איז א מצורע, און ער לאזט עס אויך וויסן פאר יעדן איינעם אזוי ווי עס שטייט אין פסוק 'וְטָמֵא טָמֵא יִקְרָא'!

דארף מען פארשטיין: וואס איז דער ענין דערפון? צודען פעלט עס אויס כדי ער זאל ווערן טהור?

האט הרה"ח ר' ישראל ראזנצווייג זצ"ל מפרש געווען אין נאמען פון איינער פון די פריערדיגע צדיקים, וועגן די הלכה וואס אונזערע הייליגע חז"ל זאגן אז ווער עס האט איינגעשלינגען דעם מרור אינעם סדר נאכט, דער האט נישט יוצא געווען דער חיוב פון עסן מרור, און דער פשט איז וויבאלד עַל פִּי פְּשׁוּטוֹ דארף מען פילן דעם טעם פון דער מרור, און אויב א מענטש מאכט חכמות און ער פראבירט זיך ארויסדרייען פון שפירן דעם טעם פונעם מרור, דעמאלטס האט ער נישט יוצא געווען. און אזוי איז אויך מיט יעדן שווערקייט וואס א מענטש האט, זאל ער נישט פראבירן איבערצוהיפן אויף דאס וואס איז נגזר געווארן אויף אים פון הימל, נאר ער זאל מקבל זיין דעם רצון הבורא באהבה, אזוי ווי עס ווערט געברענגט פון צדיקים אז ווען א מענטש האט א שווערקייט און ער שפירט דעם טַעַם מָרוֹר אין זיין לעבן, זאל ער געדענקען אז דערמיט איז ער מקיים דעם רצון הבורא, און ער זאל אינזינען האבן די ברכה 'אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ עַל אֲכִילַת מָרוֹר'...

יעצט פארשטייען מיר שוין, אז די וועג צו טהרה גייט דורך דעם ווייטאג פון 'בְּגָדָיו יִהְיוּ פְרֻמִים, וְרֹאשׁוֹ יִהְיֶה פָרוּעַ, וְעַל שָׂפָם יַעְטֶה, וְטָמֵא טָמֵא יִקְרָא', ווייל אזוי שטייט אין די תורה, און אזוי ווי עס איז נישט מעגליך צו טאנצן אום תשעה באב, אדער צו וויינען אום שמחת תורה, וויאלד 'לַכֹּל זְמָן וְעֵת', אזוי איז אויך נישט מעגליך זיך ארויסצודרייען פונעם ווייטאג וואס איז נגזר געווארן אויף אים פאר זיין אייגענע טובה, כדי ער זאל ווערן טהור, ווייל דער מרור שלינגט מען נישט איין!

(עפ"י טיב התורה – תזריע ומצורע)


טיב הודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

האט ליב אז מ׳רעדט גוטס אויף כלל ישראל, ווי דער פסוק זאגט [במדבר י, כט] כִּי ה׳ דִּבֶּר טוֹב עַל יִשְׂרָאֵל.

ווען מ׳רעדט גוטס אויף אידן מאכט מען א נחת רוח פאר השי״ת און מען איז דורכדעם ממשיך שפע טוב אויף כלל ישראל, ווייל הקב״ה האט ליב אז מ׳רעדט גוטס אויף א איד.

די בחינה טרעפן מיר ביי גדעון, אז דער נצחון וואס ער האט געהאט אויף די מִדְיָנִים האט זיך גענומען פון דעם אז ער האט גערעדט גוטס אויף כלל ישראל, ווי דער פסוק זאגט עדות [שופטים ז, יג] ״וַיֹּאמֶר אֵלָיו גִּדְעוֹן בִּי אֲדֹנִי וְיֵשׁ ד׳ עִמָּנוּ וְלָמָּה מְצָאַתְנוּ כָּל זֹאת וְאַיֵּה כָל נִפְלְאֹתָיו אֲשֶׁר סִפְּרוּ לָנוּ אֲבוֹתֵינוּ לֵאמֹר הֲלֹא מִמִּצְרַיִם הֶעֱלָנוּ ד׳ וְעַתָּה נְטָשָׁנוּ ד׳ וַיִּתְּנֵנוּ בְּכַף מִדְיָן״, און רש״י אויפ׳ן ארט ברענגט אראפ בשם דער מדרש תנחומא אז גדעון האט מיט די ווערטער ממליץ טוב געווען אויף די אידן, וזה לשונו: אשר ספרו לנו אבותינו - פסח היה, אמר לו: אמש הקרני אבא את ההלל ושמעתיו שהיה אומר בצאת ישראל ממצרים, ועתה נטשנו, אם צדיקים היו אבותינו יעשה לנו בזכותם, ואם רשעים היו כשם שעשה להם נפלאותיו חינם כן יעשה לנו ואיה כל נפלאותיו. און שפעטער שטייט ווייטער: ״ויפן אליו ד׳ ויאמר לך בכוחך זה והושעת את ישראל״ און רש״י אויפן ארט זאגט: וַיִּפֶן אֵלָיו – הקב״ה בְּעַצְמוֹ, וַיֹּאמֶר לֵךְ בְּכֹחֲךָ זֶה – בְּכֹחַ הַזְּכוּת הַזֶּה שֶׁלִּמַּדְתָּ סַנֵּגוֹרְיָא עַל בָּנַי.

די בחינה זעט מען אין נאך ערטער. מען זעט אז דער רעדן גוטס אויף כלל ישראל פארשאפט א נחת רוח פאר הקב״ה, און אז א איד זאל זיך שטארקן אין דעם ווייל דאס איז ממשיך פאר יעדן איד שפע רב און איז גורם א תענוג למעלה.

ווען מ׳לערנט די פרשה פון די נגעים פאדערט זיך פון דעם איד אז ער זאל זיך מתבונן זיין אין די נושאים און זיך שטארקן אין איר, ווייל דאס איז גורם א נחת רוח למעלה און איז אויך ממשיך שפע רב פאר אידן.

זאל הקב״ה געבן אז מ׳זאל זיך קענען שטארקן אין די נושא און זוכה זיין צו האבן א גאנצע תיקון און זיך מטהר זיין פון אלע נגעים וקליפות, און בקרוב קענען זוכה זיין צו די בית המקדש און די עבודה און עס קענען מקיים זיין כראוי וכיאות אין בית המקדש בקרוב אין אונזערע טעג.

טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

### געשריבן הזך לייענדס

# א פרייליכער און א הרחבה׳דיגער פסח

עטליכע טעג פאר דער הייליגער יום טוב פסח האב איך זיך באגעגענט מיט מיינער א נאנטער ידיד. מיר זענען שוין גוטע ידידים פאר לאנגע יארן און כ׳קען דעם איד זייער גוט. איך ווייס אויך אז דער איד איז לעצטענס זייער געדרוקט אין חובות, ער האט אסאך חובות ביז איבער׳ן קאפ און ער געבט זיך שווערליך אן עצה מיט זיי.

דער איד איז אפען מיט מיר וועגן די חובות, און וועגן דעם האב איך זיך ערלויבט צו רעדן מיט דעם איד דערוועגן.

״ווי אזוי געסטו זיך אן עצה מיט׳ן פסח? די הוצאות איז דאך אסטראנאמיש הויך״? פרעג איך אים.

די תשובה וואס דער איד האט מיר געגעבן איז געווען בייסענד. איך האב געשפירט ביי מיר, ווי כ׳גיס אים זאלץ אויף די וואונדן.

דער איד האט אויסגעזען מיואש, צובראכן, צוקלאפט און היבש פארביטערט.

איך האב נישט געהאט קיין געלט אין די האנט ארויסצוהעלפן דעם איד און אים ארויסשלעפן פון זיין פלאנטער. איך האב אים פראבירט צו מוטיגן מיט גוטע ווערטער, אים שטארקן, מער ווי דעם האב איך אים נישט געקענט געבן.

דער שמועס איז געווען היבש לאנג, איך בין אוועק פון איר מיט א געפיל אז עפעס מוז געטון ווערן, אבער איך האב נישט געוואוסט וואס קען איך טון דערצו.

די איינציגסטע זאך וואס איך האב געטראכט אז איך קען טון און אז עס איז אין מיינע הענט איז געווען תפילה, איך האב געקענט מתפלל זיין צום בורא כל העולמים אז ער זאל מיר העלפן צו קענען העלפן דעם איד.

נאכ׳ן מתפלל זיין פאר זיינעטוועגן, איז מיר איינגעפאלן אז כ׳גיי אנקלינגען א חבר וואס טוט אין די נושאים. איך גיי אים בעטן צי ער קען מיר עפעס געבן פאר יענעם. דער איד האט מיר געזאגט אז יא, ער האט ביי זיך א וואוטשער אין ווערד פון 1000 שקל און איך קען עס קומען נעמען פון אים און עס געבן פאר דעם איד.

עס איז א לייטישע סומע, אבער עס איז נישט גענוג פאר א איד מיט א משפחה פון קינדער צו מאכן יום טוב.

זוכנדיג פאר נאך קוועלער האב איך ווייטער געדאווענט צו הקב״ה ער זאל מיר מזמין זיין נאך הכנסות. אזוי ווארטנדיג אויף נאך א הכנסה איז דער שכן אין מיין בנין אראפגעקומען צו מיר און געזאגט אז ער וויל מיר עפעס פרעגן.

דער שכן דערציילט מיר אז מידי שנה בשנה פירט ער זיך צוגעבן 800 שקל פאר א איד פאר די הוצאות הפסח, אבער די יאר וועט ער נישט אנקומען איבערצוגעבן דאס געלט פאר יענער איד. ער האט געוואלט וויסן צי כ׳ווייס איבער א איד פאר וועמען איך קען געבן דאס געלט.

״יא, זיכער האב איך איינער״.

דערביי האב איך דערציילט פאר דעם איד די גאנצע משא ומתן, און ער האט צוגעשטימט אז מ׳זאל געבן דאס געלט פאר דעם איד.

שפעטער אין טאג בין איך געווען אין געשעפט, ווען א צווייטער איד האט מיר אריינגעקלינגען זאגנדיג אז ער האט מצליח געווען צו שאפן פאר דעם איד נאך עטליכע וואוטשערס. זייענדיג אין גראסערי האט דער גראסערי אייגענטומער מיטגעהאלטן די געשפרעכן, און הערנדיג פון וואס עס רעדט זיך האט ער ארויסגענומען פון זיין לעדל צוויי גרויסע זעק און מיר געזאגט אז כ׳זאל עס אנפולן און געבן פאר דעם איד.

מען האט צוזאמענגעשטעלט פון אלע זייטן, און ענדע האט דער איד מצליח געווען ארויסצוגיין פון דארט מיט א גרויסע סומע געלט און האט געקענט אריינברענגען די יום טוב מיט א גרויסע הרחבה.

איך האב געדאנקט הקב״ה אז איך האב געקענט זיין דער שליח נאמן צו העלפן מיין פריינט אין צייט פון נויט.

טראכטנדיג שפעטער פון די גרויסע חסדים אז בלויז צוויי טעג פריער האב איך נישט געהאט קיין פרוטה אין די האנט אים צו געבן, און צוויי טעג דערויף האב איך שוין געהאט צוגעבן בשפע, האב איך געדאנקט הקב״ה דערפאר אז איך האב געקענט האבן א חלק אין משמח זיין א איד אויף די יום טוב פסח.

(דערציילט דורך דער בעל המעשה שי׳)




די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר׳ שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

זאגט **רש"י**: "וְעָמֹק אֵין מַרְאֶהָ. לֹא יָדַעְתִּי פֵּרוּשׁוֹ".

אין **שפתי חכמים** אויפן ארט, און אויך אין אנדערע מפרשי רש"י, איז דא אַן אריכות צו ערקלערן וואס איז שווער געווען פאר רש"י אויף דעם פסוק, אז ער האט נישט געוואוסט דעם ערקלערונג דערפון, זע דארט.

אבער פאר מיר איז שווער געווען, פארוואס האט רש"י ז"ל אליין נישט געשריבן וואס איז דער זאך וואס ער האט נישט געוואוסט, און דאס וואס עס איז אים שווער געווען אינעם פשט פונעם פסוק. אין אנדערע ווערטער, מיר דארפן פארשטיין פארוואס האט רש"י אויסגעוועלט צו דערציילן אז ער ווייסט נישט דעם פירוש, אבער די קשיא און אומקלארקייט אינעם פסוק – האט ער נישט ארויסגעגעבן, אויף אזוי ווייט אז אלע מפרשי רש"י פלאגן זיך צו ערקלערן וואס איז דער זאך וואס איז שווער געווען פאר רש"י הקדוש. – אייגנטליך וואלט רש"י געדארפט קלאר געבן צו פארשטיין וואס איז אים שווער אין דעם פסוק, און עס לאזן מיט א קשיא און צריך עיון. און אנשטאט דעם האט ער דערציילט אז ער ווייסט נישט דעם פירוש.

דעריבער זעט אויס, מכח אט די קשיא, אז דאס גופא איז רש"י געקומען אונז אויסצולערנען, אז ווען מען ווייסט נישט דעם פשט פון א פסוק, דארף מען זיך נישט שעמען ארויסצוזאגן בְּפֶה מָלֵא: **"לֹא יָדַעְתִּי פֵּרוּשׁוֹ"!** און דאס לערנט אונז די וועגן פון ענוה. אזוי ווי אונזערע הייליגע חז"ל לערנען אונז (ברכות ד.): "לַמֵּד לְשׁוֹנְךָ לוֹמַר, אֵינִי יוֹדֵעַ". דאס מיינט אז ממש די ווערטער זאל א מענטש זיין צוגעוואוינט צו זאגן: **"אֵינִי יוֹדֵעַ" – "איך ווייס נישט"!** און אנשטאט זיך צו גרויסהאלטן און שטאלצירן מיט די שיינע קשיא וואס מען האט, איז דא אמאל וואס עס איז בעסער צו זאגן אזוי ווי א תם, "אֵינִי יוֹדֵעַ", און שוין! [און דאס איז דער טיפקייט פון 'לַמֵּד לְשׁוֹנְךָ לוֹמַר אֵינִי יוֹדֵעַ', ווייל ביי א זאך וואס א מענטש ווייסט נישט, איז דאך פשוט אז ער וועט זאגן 'איך ווייס נישט', ודו"ק].

אויך דא האט רש"י ענדערש באהאלטן זיינע קשיות און אומקלארקייט אינעם פשט פונעם פסוק, און ער האט זיך ענדערש אויסגעוועלט דער לשון פון די קלוגע לייט, און ער האט אנטפלעקט דעם אמת כִּפְשׁוּטָהּ: "לֹא יָדַעְתִּי פֵּרוּשׁוֹ"!

זע אויך וואס עס ווערט ערקלערט בעזרת השי"ת אינעם ספר **"טיב התורה"** פרשת שמיני, אויפן פסוק (לעיל י, כ) "וַיִּשְׁמַע מֹשֶׁה וַיִּיטַב בְּעֵינָיו", און **רש"י** שרייבט דארט: "שֶׁהוֹדָה וְלֹא בּוֹשׁ". – ווייל אויך דערמיט קומט אונז רש"י הקדוש אויסלערנען די וועגן פון ענוה און שפלות, ווייל אזוי זאל זיך א איד שטענדיג פירן, און זיך מודה זיין בפה מלא אין זיין טעות, אזוי ווי **משה רבינו עליו השלום**, דער **אֲבִי כָּל הַחֲכָמִים וְהַנְּבִיאִים** האט מודה געווען און זיך נישט געשעמט.

**וַהֲלֹא דְּבָרִים קַל וָחֹמֶר, אז אויב משה רבינו עליו השלום שעמט זיך נישט צו מודה זיין, און רש"י הקדוש שעמט זיך נישט צו זאגן 'לֹא יָדַעְתִּי פֵּרוּשׁוֹ'. – וויפיל דארפן אונז, פשוט'ע מענטשן, קְרוּצֵי חֹמֶר, זיך אנקליידן מיט ענוה, און מודה זיין אין אונזער טעות, און זאגן שטענדיג 'אֵינִי יוֹדֵעַ' – 'איך ווייס נישט'!**

אזוי איז דער נאטור און שטייגער פון די גדולי ישראל, אז בִּמְקוֹם גְּדֻלָּתָם שָׁם אַתָּה מוֹצֵא עַנְוְתָנוּתָם (פסיקתא עקב טו.), אזוי ווי עס שטייט אין **זוהר הקדוש** (ח"א קכב:) "מַאן דְּאִיהוּ זְעֵיר אִיהוּ רַב"!

# לַמֵּד לְשׁוֹנְךָ לוֹמַר אֵינִי יוֹדֵ—עַ!

**"וְאִם בַּהֶרֶת לְבָנָה הִיא בְּעוֹר בְּשָׂרוֹ, וְעָמֹק אֵין מַרְאֶהָ מִן הָעוֹר" יג ד**

***

איך געדענק א פאסירונג וואס איך האב געזען ביי **אבי מורי הגה"צ זצוק"ל**, וואס איך בין שטארק נתפעל געווארן דערפון, און איך האב מיך אויסגעלערנט פון דעם די מדה פון ענוה, וואס איז געווען עפעס מיט וועלכע ער האט שטענדיג געלעבט.

איינמאל ווען איך בין אנגעקומען ביי מיין טאטע אינדערהיים, האב איך געזען ווי ער זיצט און רעדט מיט איינעם. איך האב נישט געוואוסט איבער וואס דער שמועס באציט זיך, אבער דעמאלטס האב איך געהערט ווי מיין טאטע האט געזאגט צו יענעם מענטש: **איך האב א טעות געהאט, זיי מיר מוחל...** און דערויף האט אים דער גאסט געענטפערט: **איך האב אייך שוין מוחל געווען פינף און זעכציג יאר צוריק!**

האב איך פארשטאנען דערפון, אז ווי עס זעט אויס האט מיין טאטע מורא געהאט אז מיט אסאך יארן פריער האט ער יענעם וויי געטון, און יעדן מאל פלעגט ער אים נאכאמאל בעטן אז ער זאל אים מוחל זיין אויפן טעות וואס ער האט געמאכט, און דעריבער ווען ער איז יעצט געקומען צו אים האט ער אים נאכאמאל געבעטן מחילה אויף זיין טעות, ווענדיג אז ער זאל אים מוחל זיין בלב שלם.

**איז לאמיר זיך מתבונן זיין, אויף ווי ווייט עס דערגרייכט די מדת הענוה פון די גדולי ישראל, ווייל פאר א חשש פון א טעות, מורא האבנדיג טאמער ער האט פוגע געווען אינעם כבוד פון אן אנדער איד, האט ער מודה געווען בפה מלא און געזאגט 'איך האב מיך טועה געווען'! און איך בעט סליחה ומחילה!**

***

רבינו הקדוש דער **ב"ח זצוק"ל**, בעל **'בית חדש'** אויף דער הייליגער **טור**, האט אמאל געוואלט וויסן ווער זיין שכן און שותף וועט זיין אויבן אין גן עדן, און אים דערקענען פון נאנט. אזוי ווי מיר געפינען ביי אסאך צדיקים קדושי עליון, וועלכע האבן געוואלט וויסן מיט וועמען זיי וועלן זיך טיילן זייער חלק אין עולם הבא.

האט מען אים מְגַלֶּה געווען מן השמים, אז זיין שותף איז דער און דער פון די און די שטאָט.

האט דער הייליגער ב"ח געמיינט, אז דער איד איז אוודאי איינער פון די גדולי הדור, און ער איז אליין ארויסגעפארן צו יענע שטאט, כדי זיך צו באגעגענען פנים אל פנים מיט זיין שותף, און קענען פון דער נאנט זיין צוקונפטיגער שכן אויף אייביג.

ווען דער הייליגער ב"ח איז אנגעקומען אין יענע שטאט און האט זיך נאכגעפרעגט אויף יענער איד, האט ער אויסגעפינען אז יענער איז נישט איינער פון די רבנים אדער גאונים פון די שטאט, און ער איז אפילו נישט איינער פון די תלמידי חכמים אין ש ט א ט ,

נאר א פשוט'ער איד, **מִפְּשׁוּטֵי עַמְּךָ יִשְׂרָאֵל.** האט ער זיך זייער שטארק געוואונדערט דערויף, וואספארא שייכות האט ער דען מיט אזא פשוט'ער איד?

אין אנהייב האט דער הייליגער ב"ח געטראכט, אז מעגליך איז דער איד א 'צדיק נסתר', איינער פון די "תְּלָתִין וְשִׁתָּא צַדִּיקֵי, דִּמְקַבְּלֵי אַפֵּי שְׁכִינָה בְּכָל יוֹם" (סוכה מה:) – די זעקס און דרייסיג צדיקים, וועלכע זענען מקבל פנים די שכינה יעדן טאג. – אבער אויך נאכדעם וואס ער האט אים גוט נאכגעקוקט, **הָדֵק הֵיטֵב**, האט ער גארנישט געפינען אין אים! מיט זיינע הייליגן אויגן וואס שפאלטן דורך די טיפענישן פונעם הארץ און זעל, האט ער קלאר אנטפלעקט אז דער מענטש טראגט נישט מיט זיך קיין שום צִדְקוּת צו באהאלטן...

דעריבער איז ער געווען זייער שטארק פארוואונדערט, וואס איז דען דא אין אט דעם פשוט'ן איד, אז ער זאל זיצן מיט אים צוזאמען **בִּמְחִיצָה אַחַת** אין די חופה אויבן אין גן עדן?

דעריבער האט דער הייליגער ב"ח באשלאסן אז ער וועט זיך באפריינדן מיט יענעם און כאפן מיט אים א לענגערע שמועס, און אזוי האט ער זיך גענומען רעדן מיט אים איבער דאס און יענץ, האפנדיג אז צווישן די רייד וועט אים געלונגען ארויסצושלעפן פון אים עפעס א גוטע מעשה וואס ער האט געטון, וואס צוליב דעם איז ער אויסגעוועלט געווארן צו ווערן זיין שכן אויף יענער וועלט.

אין א שמועס וואס זיי האבן געהאט, האט זיך געעפנט דער הארץ פון דער איד, און ער האט תמימות'דיג דערציילט פארן הייליגן ב"ח איבער דאס וואס איז געשען מיט אים ווען ער האט חתונה געמאכט זיין זון.

און אזוי האט דער איד דערציילט:

איינער פון מיינע זין, א געלונגענער בחור וואס איז געבענטשט געווארן מיט גוטע כשרונות, איז א חתן געווארן אין א מזל'דיגע שעה מיט זיין באשערטע. די כלה איז געווען זייער צוגעפאסט פאר מיין זון, און אויך די משפחה פון די מחותנים איז געווען זייער צוגעפאסט פאר אונז. דאס איז געווען א פארמעגליכע משפחה, פון פשוט'ע אידן אזוי ווי אונז. נאכן ברעכן טעלער און שרייבן דעם תנאים כנהוג, האבן מיר זיך גענומען גרייטן צו די חתונה.

ווען עס איז אנגעקומען דער זמן החתונה בשעה טובה ומוצלחת, זענען מיר געפארן די גאנצע משפחה צוזאמען צו די שטאט פון די כלה, וואו די חתונה האט גדארפט פארקומען בְּרֹב פְּאֵר וְהָדָר.

ווי דער שטייגער בימים ההם, איז ווען דער חתן איז אנגעקומען צוזאמען מיט זיין משפחה פאר די חתונה, האט מען געפראוועט פאר זיי א פייערדיגע **'קבלת פנים'** [פאָרשפּיל], וואו עס האבן זיך באטייליגט גוטע פריינד און ידידים, כדי זיך נענטער צו באקענען מיטן נייעם חתן און זיין משפחה. דאס פלעגט זיין א שיינע מסיבה, מיט געשמאקע עסנווארג און גוטע וויין, לכבוד די שמחה.

אויך ביי דעם קבלת פנים, דערציילט דער איד ווייטער, האט מען געפראוועט פאר אונז א שיינע מסיבה. מיר האבן זיך געפריידט צו באגעגענען מיט אונזערע מחותנים און די בני המשפחה. דער חשוב'ער מחותן, דער בעל שמחה זעלבסט, האט זיך געדרייט מיט מיר צווישן די געסט, און שטראלנדיג פון גליק און פרייד האט ער מיר באקאנט געמאכט מיט זיינע חברים און ידידים.

אזוי גייענדיג פון איין טיש צום אנדערן, האב איך באמערקט אן ארימאן [שנאָרער] וואס

איז געשטאנען ביים טיר, בעטנדיג צדקה פון די דורכגייער, ווען פון זיינע אויגן האבן גערינען טרערן אן אויפהער!

דאס געוויין פונעם ארימאן האט מיר זייער באריהרט צום הארץ, און איך האב אנגעמערקט דעם חשוב'ן מחותן דערויף, און דערביי האב איך אים געפרעגט צי ער קען דעם ארימאן, וואס שטייט דא ביים טיר און הערט נישט אויף צו וויינען?

דער אמת איז, האט מיר מיין מחותן געענטפערט, אז איך האב שוין פראבירט אסאך מאל צו געבן צדקה פאר דעם ארימען דלפון, עס האט אבער גארנישט געהאלפן... ער וויינט און וויינט אָן אויפהער!

בין איך אליין שפעטער צוגעגאנגען צו דער ארימאן זעלבסט, און איך האב אים געפרעגט פארוואס ער וויינט אזוי ביטערליך. און צו מיין וואונדער, האט מיר דער ארימאן דערציילט, אז דער שידוך וואס מען פייערט יעצט, איז געוועזן א לאנגע צייט צוריק, זיין אייגענער שידוך.

איך האב אויסגעפינען פון אים, אז אויך ער האט א זון וואס איז קלוג און געלונגען, און עטליכע יאר צוריק איז זיין זון א חתן געווארן מיט די זעלבע כלה, דער טאכטער פון מיין מחותן, און וויבאלד ער איז דעמאלטס געווען א פארמעגליכער און א בעל יכולת, האבןביידע זיך מתחייב געווען אינעם 'תנאים' אויף זייער א גרויסע סומע געלט אלץ 'נדן' פארן חתן-כלה. – אבער פלוצלונג איז מיין מחותן געווארן א 'יורד', און ער האט שוין נישט געהאט די מעגליכקייט צו שטיין אין זיינע פילע התחייבות'ן, און דעריבער האט דער ארימאן – דער אמאליגער עושר – מבטל געווען דעם שידוך און האט צוריסן דעם תנאים.

עטליכע יאר שפעטער האט זיך אבער צוריקגעדרייט דער רעדל, דער חשוב'ער מחותן איז צוריקגעווארן רייך, און דער אנדערער צד, דאס איז דאך דער מענטש וואס האט צושטערט דעם שידוך צוליב דאס צושטערן דעם התחייבות, איז אליין געווארן אן ארימאן... און ווען ער האט פון זיין זייט געוואלט צוריקמאכן דעם שידוך, האט שוין מיין מחותן נישט מסכים געווען, צוליב די זעלבע סיבה וואס איז יעצט געשען פון די אנדערע צד, וויבאלד זייענדיג אן ארימאן האט ער שוין נישט געקענט שטיין אינעם התחייבות פונעם תנאים, ביז מיין מחותן איז געקומען און האט געענדיגט דעם שידוך מיט מיר. – און דעריבער איז דעמאלטס דער ארימאן געשטאנען ביים טיר פונעם זאל, און נישט אויפגעהערט צו וויינען, זעענדיג ווי זיין חשוב'ע און באוויליגטע שידוך ווערט געגעבן פאר אן אנדער מענטש!

ווען איך האב דאס געהערט, האט דער איד אויסגעפירט זיין דערציילונג פארן הייליגן ב"ח, בין איך צוטרייסלט געווארן, און מיין נפש האט מיר נישט געלאזט נעמען א שידוך וואס האט באלאנגט פאר אן אנדערן מענטש. – האב איך זיך אויפגעשטעלט אינמיטן דעם קבלת פנים, און איך בין צוגעגאנגען צום חשוב'ן מחותן, און ערקלערט מיט גרויס צער אז איך קען נישט אריינגיין אין אזא שידוך, וואס וועט צוברענגען ווייטאג און בושה פאר אן אנדערן איד. און דעריבער האב איך געלאזט וויסן אז פון מיין זייט איז דער שידוך בטל ומבוטל, און ער קען צוריקגיין צום ערשטן אריגינעלן שידוך אזוי ווי ער האט עס שוין געטון פון אנהייב מיט אט דעם ארימאן וואס שטייט דא ביים טיר. און די אלע באצאונגען און מתנות וואס איך האב געגעבן זאל בלייבן ביי זיי, און עס וועט גערעכנט ווערן אזוי ווי דער ארימאן האט געגעבן זיין גאנצן טייל אינעם התחייבות פון די תנאים, און זיי זאלן ענדיגן דעם שידוך צווישן זיי אויפן בעסטן אופן, אזוי ווי זיי האבן אפגערעדט פון אנהייב.

און דערנאך בין איך צוריקגעפארן מיט מיין משפחה צו מיין הויז און צו מיין שטאט, און מיר האבן בעזרת השי"ת געטראפן אן אנדערן שידוך פאר מיין זון.

ווען דער הייליגער ב"ח זצוק"ל האט געהערט דעם דערציילונג פונעם איד, האט ער זיך אנגערופן:

**אַשְׁרֵי חֶלְקִי וואס איך האב זוכה געווען צו זיין אין די מחיצה פון דער איד, וועלכער האט זיך נישט געשעמט אויפצושטיין און מוותר זיין אויף אלעס! א מענטש וואס איז מסוגל צו שטיין ממש ערב די חתונה, און זאגן אן קיין בושה, אז ער איז אינגאנצן מוותר אויף א גוטן שידוך וואס ער האט געטראפן פאר זיין זון, און נאך אויך איבערלאזן אזויפיל געלט און אזעלכע טייערע מתנות פארן אנדערן שידוך – ער זאל טאקע זיין מיט מיר אין גן עדן צוזאמען!**

**אַשְׁרֵי חֶלְקוֹ בָּזֶה וּבְבָא.**





די ספעציעלע טעלעפאן ליניע צו באשטעלן די ספרים פון 'מכון טיב'
פון הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
0733-22-76-09 קלינגט אריין באשטעלט דעליווערי פריי פון אפצאל - ביז צו אייער שטוב!





יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173